**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט מער ווי 21.5 מיליאן דאלאר פאר נאטורליכע לעזונגען צו פארמינערן עמישנס און באהאלטן קארבאן

## 8.5 מיליאן דאלאר געגעבן דורך נאטורליכע קארבאן לעזונגען אינאוואציע טשעלענדזש

## 13 מיליאן דאלאר איז יעצט גרייט פאר פראיעקטן וואס פארלייכטערן ווירקונגען פון עקסטרעמע היץ און פארמינערן געביידע עמישנס

***שטיצט סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמישנס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן מער ווי 8.5 מיליאן דאלאר וואס איז געגעבן געווארן פאר אנטוויקלונג פון אינאוואטיווע נאטורליכע לעזונגען צו פארמינערן עמישנס און באהאלטן קארבאן דורך די ערשטע פאזע פון די נאטורליכע קארבאן לעזונגען אינאוואציע טשעלענדזש. צו דעם, איז מער ווי 13 מיליאן דאלאר יעצט דא דורכאויס די צווייטע פאזע פון די טשעלענדזש פאר פראיעקטן וואס פארלייכטערן די עקסטרעמע היץ און פארמינערן געביידע עמישנס מיט א פאקוס צוזשטעלן דירעקטע בענעפיטן צו די מערסט אויסגעשטעלטע צו עקסטרעמע היץ, אריינרעכנענדיג באזייטיגטע געמיינדעס. די היינטיגע מעלדונגען שטיצן די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט ציל צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמישנס מיט 85 פערצענט אויף 2050.

"ווען קאנפאנטרירט מיט סיי וועלכע טשעלענדזש, דרייען ניו יארקערס ארויף די ארבל און זוכן א וועג פאראויס אריינרעכנענדיג טרעפן נייע וועגן צו איבערקומען די איבעריגע היץ וואס איז געווארן די סטאנדארט אין אונזער קלימאט קריזיס שלאכט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען זענען א טייל פון א גרעסערע פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן שטאנדהאפטיגע און געזונטערע געמיינדעס פאר די וואס זענען מערסט אויסגעשטעלט צו די וואקסנדע טעמפעראטורן, און אין די זעלבע צייט שאפן עקאנאמישע געלעגנהייטן און אוועקשטעלן ניו יארק אלס אן אינאוואציע פלאץ פאר קלימאט לעזונגען."

**<u>פאזע 1 אויסצייכענונגען</u>**

די זיבן פראיעקט אויסגעקליבן דורך די טשעלענדז, געפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסוירטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), וועט צוגעבן צו עמישנס פארמינערונגען און מער שטאנדהאפטיגע וואוינונגס אומגעבונגען. פארשלאגן זענען געבעטן געווארן פאר אינאוואטיווע לעזונגען צו פארמערן קארבאן באהאלטונג(Sequestration), פארמינערן אפפאל מעטאן עמישנס, און פארויסרוקן געביידע שעל איבערבויאונג און נייע קאנסטראקשן סטראטעגיע וואס זענען וויכטיג צו דערגרייכן ניו יארק'ס קלימאט צילן. צו דעם, האט NYSERDA געמוטיגט פארשלאגן וואס קענען בענעפיטירן באזייטיגע געמיינדעס און

אומגעבונגס גערעכטיגקייט געגנטער דורך בעסער אויסנוצן לאנד געברויך, פארמערן שטאנדהאפטיגקייט און איינשטעלן באנייאונגס ענערגיע, פארמינערן לופט און וואסער פארפעסטיגונג, צושטעלן קאסט שפארונגען פאר ענערגיע דינסטן, און גלייכשטעלן דזשאבס געלעגנהייטן אין קלימאט-קלוגע אינדוסטריעס.

**<u>פאזע 1 באלוינטע רעכנט אריין:</u>**

- **אסעמבלי OSM -2.3** מיליאן דאלאר, אין צוזאמענארבעט מיט די אדוואנסד סטרוקטורן און קאמפאסישן סענטער ביי די אוניווערסיטעט פון מעין און SHoP ארכיטעקטן, צו אנטוויקלען און באווייזן צווי נייע ביא-באזירטע און ווייניג-ענטהאלטנדע קארבאן קאנסטראקשן מאטעריאלן צוזאמען מיט אף-סייט פאבריצירונג פון פארויס פאר ארגאניזירטע בויארבעט אין געדיכטע שטאטישע אומגעבונגען אזויווי ניו יארק סיטי.
- **העמפיטעקטשור** (**Hempitecture**) - 1.1 מיליאן דאלאר צו אנטוויקלען און פארבריצירן א אינאוואטיווע ביא-באזירטע איזאלאציע פראדוקט נוצנדיג געגנט גערוואקסענע אינדורסטריעלע העמפ פייבערס. די פראיעקט וועט מעסטן די פונקציאנירונג, גרינהאוז גאז עמישנס און קאסטן פארבינדן מיט די לויז-אנגעפילטע נידריגע קארבאן איזאלאציע. פראדוקט באווייזונג און פאבריצירונג אפשאצונג וועט זיין אין די [וואקס-ניו יארק געגנט](#) (פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און סאוטערן טיער).
- **פיטאסטאן** (**Phytostone**) **-** 1.5 מיליאן דאלאר צו אנטוויקלען און קאמערשעלייזן אינעווייניגסטע ארכיטערטורישע באלאטעס פאר ווענט און דעכער וואס באהאלטן קארבאן פון לאקאלע אגריקולטורישע איבערבלייבענישן און אין די זעלבע צייט פארמערן די איזאלירנדע ווערד. די פינאנצירונג ערמעגליכט פיטאסטאן זיך צו פלאצירן צו בופאלע, ניו יארק מיט די ציל פון סטימולירן לאקאל-געוואקסענע ביא-ארטיקלען און ניו יארק סטעיט באזירטע פאבריצירונג.
- **רי-נובל** (**Re-Nuble**) **-** $516,000 צו אנווענדן א ארומנעמענדע ביזנעס מאדעל צו פארמינערן אפפאל-פארבינדענע מעטאן דורך איבערנוצן סערטיפייד העמפ בייפראדוקטן און אנדערע פייבערס פון געוואוקסן פאר די פאבריצירונג פון א קאמפאסטאביל(גוט פאר די קלימאט), וואוקס-מידיא-ליין און שטיצן א פארזיכערטע סופליי טשעין אראפצושטראמען צו קליענטן(ערדלאזע וואקסערס) אין ניו יארק סטעיט; פראיעקט לאקאציעס נעמען אריין בופעלא, ראטשעסטער, זשענעווע און ניו יארק סיטי.
- **סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאלעדזש פון ענווייראמענטאל וויסנשאפט און פארעסטרי** (**SUNY-ESF**) - $546,000 צו אנטוויקלען די געצייג פאר אפשאצן קארבאן-אוועקלייגן מאטעריאלן (Tool for Assessing Carbon-Storing Materials (TACSMA)) אלס א אנגייענדע, דורכזעענדע, און אפענע ראם צו פארבעסערן די לעבן צירקל אנאליז פון ניו יארק סטעיט געוואקסענע האלץ פראדוקטן. אנווענדונגען פון די געצייג רעכנט אריין פארבעסערטע ענווייראמענטאל פראדוקט דעקלאראציעס (EPDs) פאר בוי פראדוקטן און אינפארמירטע איינקונפטן און פאליסי ארום בוי פראדוקטן אין ניו יארק סטעיט.
- **סאן-טרו** (**Sun-Thru**) - 1.7 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן זייער שנעלע אעראדזשעל פאבריצירונג מעטאד און SeeThruTM אעראדזשעל מאטעריאלן וואס שטעלן צו געדריפלטע שויב פענסטער פונקציאנירונג אין די עקזיסטירנדע דאפלטע שויב פענסטער אינפראסטרוקטור. פראדוקט דעמאנסטראציע וועט אריינגעמען אינסטאלירן ביים יוניאן קאלאדזש אין שענעקטעדי (Schenectady). לויט סאן-טרו'ס אפשאצונגען איז זייער פראדוקט ערווארטעט צו פארמינערן א איין-פאמיליע-היים'ס ענערגיע געברויכן מיט 13 פערצענט ווייניגער פארקערפערטע קארבאן אין פארגלייך מיט דריי שויביגע פענסטערס.
- **סיראקוס אוניווערזיטעט -** $846,000 צו אנטוויקלען און דעמאנסטרירן MycoCore, א פראדוקט צו אדרעסירן א מאנגל פון נידעריגע-קארבאן איזאלירטע איבערפלאך סיסטעם פאר טיפע ענערגיע איבערבויאונג דורך א באזונדערע פאנעליזירטע לעזונג פאבריצירט מיט

ענזשינירטע ביא-באשטאנטיילן נוצנדיג די געגנטס אגרי-אפפאל, א איבערנוצנדע לעבנס צירקל, און א סקען צו פאבריצירן ארבעט-פלוס וואס וועט פארמינערן דיזיין און קאנסטראקשן קאסטן, אויפבויען ניו יארק סטעיט'ס פאבריצירונג און לאקאליזירן פראדוקט סופליי-טשעינס.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "יעדע יאר שטייט ניו יארט אויס צו שטרויכלונגען און ריזיקעס פארבינדן מיט מער אפטע עקסטרעמע היץ געשעענישן, וועלכע די נייע פינאנצירונג וועט אדרעסירן. מיר זענען פרייליך נאכצוגיין די פארשריט פון באלוינטע פראיעקטן און צו זען די נייע לעזונגען פארויס געברעגנט מיט א פאטענציאל צו פארמינערן עמישנס וואס געבן צו צו די אלעמאל-טוישנדיגע קלימאט און פארמינערן פאדערונגען אויף די גריד דורכאויס צייטן פון שטארקע היץ."

**<u>פאזע 2 - 13 מיליאן דאלאר איז יעצט פאראנען</u>**

דורכאויס פאזע 2, זוכט NYSERDA פארשלאגן פון פריוואטע קאמפעניס, פארשונג אינסטיטוציעס און אנדערע ארגאניזאציעס פאר צוויי שווערע פלעצער צו אדרעסירן היץ אינזלען און בויען עמישנס אין באזייטיגטע געמיינדעס:

- **אינאוואציעס אין גרינע אפקילונג פאר עקסטרעמע היץ** - 5.5 מיליאן דאלאר איז אוועקגעלייגט פאר פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פון געצייג, טעכנאלאגיעס און סטראטעגיעס צו פארמערן דאס אנעמען און בענפיטן פון נאטור-באזירטע אנווענדונגען צו פאסיווע אפקילונג, פריאריטיזירן באזייטיגטע, היץ אויסשטייענדע געמיינדעס צו ברענגען א גרעסערע און מער עפעקטיוו פאר גרינע אינפראסטרוקטור דורכאויס ניו יארק סטעיט.
- **אינאוואציעס אין קארבאן נעגאטיווע געביידעס** - 5.7 מיליאן דאלאר איז אוועקגעלייגט פאר דעמאנסטראציע, איינפירונג און אויפארבעטונג פון קארבאן נעגאטיווע פראדוקטן אין ניו יארק סטעיט וואס שטיצט געביידע ענערגיע עפעקטיווקייט. פראיעקטן וועלן אפשאצן מארקעט וואוקס פאטענציאל, מעגליכקייט פאר לאקאלע פאבריצירונג מיט לאקאלע רויע מאטעריאלן און אנדערע בענעפיטן צו לאקאלע געמיינדעס.

אפליקאציעס וועלן ווערן [אנגענומען](#) **ביז אוגוסט 20, 2024 3 אזייגער נאכמיטאג EST** נאך איינצלהייטן אויף די אפשאצונגס קריטעריאנען, אריינרעכענדיג פאדערונגען צו באשרייבן וויאזוי די פארגעשלאגענע אקטיוויטעטן שטיצן, פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און איינשליסונג, קען ווערן געטראפן אין די אנבאט. אן אינפארמאטיווע [וועבינאר](#) וועט ווערן אפגעהאלטן אום **יולי 23, 2024 פון 1 נאכמיטאג ביז 3 נאכמיטאג EST** צוצושטעלן מער איינצלהייטן אויף די שוועריקייט, פארשלאג און פראיעקט פאדערונגען, און די אפליקאציע פראצעדור.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענוויראנמענטאל קאנסערוועישן אינטעראים קאמישענער סין מאהאר האט געזאגט,** "די 8.5 מיליאן דאלאר געמאלדן היינט דורך גאווארנער האקול וועט העלפן ארגאניזאציעס, פארשונגס אנשטאלטן און פריוואטע קאמפעניס דורכאויס ניו יארק סטעיט פארויס רוקן אנשטרענגונג צו פארמינערן קלימאט-טוישנדע פארפעסטיגונג און העלפן באשיצן ניו יארקערס פון עקסטרעמע היץ געברעגנט דורך אונזער טוישנדע קלימאט. דורך די נאטורליכע קארבאן לעזונגען אינאוואציע טשעלענדזש, אינוועסטירט ניו יארק סטעיט צו דיקארבאניזירן אונזערע געמיינדעס און אונזער עקאנאמיע, העלפנדיג צו פארזיכערן א ריינערע און גרינערע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון דזשענעראל סערוויסעס קאמיסיאנער דשעינעט מוי האט געזאגט,** "די פינאנצירונג געמאלדן היינט דורך גאווארנער האקול וועט שטיצן פראיעקטן געצילט צו פארויס רוקן נייע פראדוקטן און סטראטעגיעס צו פארמינערן די קארבאן פיסטריט פון די געבויטע אומגעבונג. OGS איז שטאלץ צו זיין א טייל פון די וואקסנע מיטארבעט פון פובליק און פריוואטע אפטיילונג אינסטיטוציעס, וואס אינוועסטירן אין די פארשונג און אנטוויקלונג פון טעכנאלאגיעס וואס וועלן ברענגען א ריינערע און געזונטערע ניו יארק סטעיט פאר אלעמען."

די איניציאטיוו איז א טייל פון א פולשטענדיגע סטראטעגיע צו פארמערן די סטעיט'ס שטאנדהאפטיגקייט צו קלימאט טויש וועלכע נעמט אריין גאווארנער האקול'ס לעצטיגע[ מעלדונג](#) פון א באלד 300 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין קלימאט שטאנדהאפטיגקייט בשעת'ן מיטהאלטן די 'פון קלימאט קריזיס צו קלימאט שטאנדהאפטיגקייט' צאמקום אין די וואטיקאן. דערצו, טוען די אפטיילונגען פון ענווייראמענטל אפהאלטונג (DEC) און NYSERDA פירן די אנטוויקלונג פון א [עקסטרעמע היץ האנדלונג פלאן](#) וואס וועט לייגן געוויכט צו אדרעסירן עקסטרעמע היץ ווירוקנגען אין באזייטיגטע געמיינדעס, געביטן פון ארבעטגעלעגנהייטן, און אויסלופטערנדע פלעצער דורכאויס די סטעיט. NYSERDA האט אויך [ארויסגעלייגט](#) ניו יארק פריאריטעט אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג, און קאמערציאליזאציע צו שטיצן באנייערס און קאמפעניס וואס פארשנעלערן די נידריגע עמישנס און קארבאן באהאלטנדע טעכנאלאגיעס נויטיג אנצוקומען צו די סטעיט'ס ציל פאר עקענאמיע-ברייטע קארבאן נייטראליטעט. NYSERDA'ס [אינאוואטיווע](#) פראגראם אנטוויקלט 800 מיליאן דאלאר אין איבער 10 יאר אלס דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און ארימגענומענע קאמערציאליזאציע שטיצע. מער ווי 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פראיעקט פינאנץ קאפיטאל זענען געשאפן געווארן, און מער ווי 450 באנייענדע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען געווארן קאמערצאליזירט אין רעזולטאט פון NYSERDA'ס טעכנאלאגיע און ביזנעס אנטוויקלונג אינוועסטירונגען, אריינגערעכנט LED לייטינג סיסטעמס, היים אפלייענסעס, בעטעריס וואס האלטן זיך לענגער, און בעסערע הייצונג-און-קילונג סיסטעמס.

פינאנצירונג פאר דעם פראגראם קומט פון די סטעיט'ס 10-יאר, 6 ביליאן דאלאר [ריינע ענערגיע קאסע](#) און די [ראיאנישע שעדליכע גאזן איניציאטיוו (Regional Greenhouse Gas Initiative, RGGI)](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע פונקט פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמישנס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און 130 סערטיפייד קלימאט-

קלוגע געמיינדעס, כמעט 500 ריינע ענערגיע געמיינדעס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט אויפזיכט אינציאטיוו אין 10 באזייטיגטע געמיינדעס איבער די סטעיט צו העלפן באקעמפן לופט פארפעסטיגונג און קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן